# עולת שבת בשבתו

**כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

בעזהשי"ת | פרשת בהר | שנת תשע"א לפ"ק


## מילי דחסידותא

**וכי תאמרו מה נאכל, וצויתי את ברכתי:** פארוואס דארף די תורה שרייבן "**וכי תאמרו**" אויב השי"ת וועט שיקן די ברכה וועט מען שוין זיכער נישט פרעגן "**מה נאכל**"?

האט דער הייליגער **רבי ר' זושא** זי"ע געענטפערט: אז ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט האט ער אינאיינעם באשאפן אלע געברויכן פון מענטשן, עס זאל זיי קיינמאל גארנישט פעהלן. אבער, אויב א מענטש האט נישט קיין בטחון אז השי"ת שפייזט אים יעדן טאג, דעמאלט ווערט א פגם אויבן אין הימל און דורכדעם ווערט איבער געהאקט די השפעה, און עס קומט מער נישט קיין ברכה פון הימל.

דאס איז די תורה מרמז: אז די בעסטע עצה איז מ'זאל זיך אינגאנצן נישט זארגן, נאר זיך פארלאזן אויף השי"ת דעמאלט וועט מען שטענדיג האבן פון אלעם גוטן. אויב אבער **וכי תאמרו מה נאכל** אז מ'וועט נישט האבן קיין בטחון און יא פרעגן "**מה נאכל**", דעמאלט וועט זיך אפהאקן די השפעה אויבן אין הימל. און עס וועט זיך אויספעלן א פרישע השפעה, דעריבער וצויתי את ברכתי אז עס זאל קומען א פרישע ברכה פון הימל (בספה"ק נועם אלימלך בשם אחיו הרר"ז זי"ע).

## דרש דרש

**ובשנה השביעית שבת שבתון יהי' לארץ:** דער **מטה משה** (הל' שבת) זאגט א טעם אויף מצות שמיטה, ווייל ווען מיר רעכענען א יאר לויט שנות החמה איז דאס 364 טעג אין א יאר, אזוי אויך איז דא 52 שבתים אין א יאר, קומט אויס אז אין זעקס יאר איז דא 312 שבתים.

וויבאלד אז די געוויקסן אין די פעלדער וואקסן די גאנצע וואך **אויך** שבת, האט וועגן דעם דער רבש"ע באפוילן אז איינמאל אין זיבן יאר זאל מען מאכן א גאנץ יאר שבת אז די פעלד זאל רועהן די אלע שבתים וואס זי האט נישט גערוהט במשך די זיבן יארן.

*

**אל תקח מאתו נשך ותרבית ויראת מאלקיך וחי אחיך עמך:** דער ילקוט שמעוני (יחזקאל ל"ז) ברענגט אז א מלוה בריבית שטייט נישט אויף צו תחיית המתים. לכאורה דארף מען פארשטיין דעם טעם דערפון?

ענטפערט דער **חיד"א** ווייל די גמרא זאגט אין מס' סנהדרין (דף צ' ע"ב) אז די מינים האבן געפרעגט רבן גמליאל פון וואו ווייס איך אז הקב"ה איז מחיה מתים און אז ער ווייסט עתידות, האט ער געענטפערט אז איך לערן ביידע ארויס פון א פסוק אין פרשת וילך: ויאמר ה' אל משה הנך שוכב עם אבותיך וקם העם הזה וזנה, ליינען מיר דעם פסוק צוטיילט, **הנך שוכב עם אבותיך וקם, וקם העם הזה וזנה**, לערנען מיר ארויס פונעם ערשטן העלפט פסוק אז נאכן שטארבן, וקם, וועט מען אויפשטיין תחיית המתים, און אויך לערנט מען ארויס פון '**וקם העם הזה וזנה**' אז דער אייבערשטער ווייסט עתידות.

אויך זאגט די גמרא אין מס' בבא מציעא (דף ס"א ע"א) אז מ'לערנט ארויס אז מ'טאר נישט האנדלען מיט רבית, נישט מיט געלט און נישט מיט עסן, פון פסוק **את כספך לא תתן לו בנשך ובמרבית לא תתן אכלך**, ליינען מיר דעם פסוק **את כספך לא תתן בנשך ובמרבית, בנשך ובמרבית לא תתן אכלך**, אז בנשך ובמרבית גייט ארויף און אראפ.

מיט דעם פארשטייט מען דעם ילקוט שמעוני, וויל ווער עס גיט זיין געלט אויף רבית

## מעשה רב

### וכי תאמרו מה נאכל

ווען דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז געווען דאס ערשטע מאל אויף א באזוך אין מאנטריאל, איז דאס געווען אויף שב"ק בהר-בחקתי תשי"ב לפ"ק, איז געקומען צו אים אויף א באזוך דער **סאבאסלוייער רב זצ"ל** וועלכער האט דארט געוואוינט, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן א שאלה, אז היות זיין מצב הפרנסה איז זייער שווער, אזוי ווייט אז ער האט אפטמאל נישט קיין ברויט אין שטוב, און וויבאלד ער איז א ניי געקומענער אין שטאט, האט ער נישט געטראפן א פאסטן וואס זאל אים ברענגען חיונה, האט ער געוואלט הערן דעם רבי'נס מיינונג אויב ער זאל זיך אנשליסן אינעם "**וועד הרבנים**" וואס זיי טיילן א געהאלט פאר אלע רבנים וואס זענען געווען אנגעשלאסן אין אירע ראמען. (דער וועד הרבנים איז געווען אנגעפירט דורך מענטשן, וואס האבן געהאט ציוני'סטישע מיינונגען, און די היימישע רבנים האבן נישט געוואלט צושטיין דערצו, דער סאבאסלויער רב האט געוואלט וויסן אויב אין א שווערן מצב הפרנסה ווי ער געפונט זיך, צו ער קען מקיל זיין דערין).

דער רבי ענטפערט אים מיט א שמייכל "סאבאסלויער רב, די תשובה אויף אייער שאלה שטייט דאך מפורש די וואך אין די סדרה"... דער סאבאסלויער רב האט זיך זייער געוואונדעט אויף די ווערטער נישט פארשטייענדיג וואס דער רבי מיינט מיט זיינע ווערטער.

האט אים דער רבי געזאגט "אין די סדרה שטייט **כי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו'** פרעגט דער **אור החיים הק'** לכאורה דארף מען פארשטיין דעם פסוק, פארוואס דארף די תורה מאריך זיין מיטן אויספירן די טענה '**הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**' אז עס שטייט די ווערטער '**וכי תאמרו מה נאכל**' פארשטייט שוין יעדער אז אויב מ'וועט נישט אנזייען וועט נישט זיין וואס צו עסן?!"

"ענטפערט דער אוהחה"ק אז די ווערטער '**הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**' גייען באזונדער, און אזוי גייט דער פשט אין פסוק: 'וכי תאמרו מה נאכל', אויב וועלן אידן פרעגן וואס זאלן מיר עסן אינעם שמיטה יאר?, הן דאס איז וואר און זיכער, אז '**לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**" אז מיר וועלן קיינמאל נישט עובר זיין אויפן אייבערשטנס באפעל, אפילו מיר זאלן דארפן אויסגיין פאר הונגער, אבער דאך "מה נאכל", אויף דעם זאגט די תורה "**וצויתי את ברכתי** און עס וועט זיין ברייט צו עסן, אויב אבער די אידן וועלן קלערן נישט צו פאלגן דעם ציוו השם וועגן עס איז נישטא וואס צו עסן, דאן איז נישטא קיין ברכה".

"דאס איז די תשובה צו אייער שאלה - האט דער רבי אויסגעפירט - ווילאנג מען בעט פונעם אייבערשטן פרנסה, און מען זאגט אים קלאר אז '**לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**' מיר וועלן נישט טוהן קיין שום שריט וואס איז נישט דער רצון ה', דעמאלטס קען מען ערווארטן אויף **וצויתי את ברכתי**, אבער אויב מען טוט זאכן וואס איז נישט דער רצון ה' וועגן פרנסה קען נישט זיין קיין ברכה".

דער סאבאסלויער רב האט געפאלגט דעם רבי'ן, און ער האט זיך טאקע נישט איינגעשלאסן אינעם "**וועד הרבנים**" עס האט נישט געדויערט מער ווי געציילטע טעג און ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין א קהלה אין מאנטריאל וואו ער האט שוין געהאט א געהעריגע פרנסה.

מוז דאך זיין אז ער דרש'ענט נישט די ווערטער ביידע מאל אויף ארויף און אראפ, מילא דרש'ענט ער נאר אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק אז אוכל איז אסור במרבית אבער כסף איז יא מותר, מילא קומט אויס אז לשיטתו איז אויך דער פסוק פון הנך שוכב עם אבותיך לייגט מען אויך כתבו וקם העם הזה, און דאס איז ווי די סברא פונעם מין אין מס' סנהדרין וועלכער לייקענט אין תחיית המתים, ממילא וועט ער נישט אויפשטיין תחיית המתים.

## מילי דרמיזא

**או דודו או בן דודו יגאלנו:**

דער **דגל מחנה אפרים** זאגט א רמז, ווייל אין די גמ' איז דא א פלוגתא ווער עס וועט זיין משיח צדקינו, צי דוד המלך, אדער בן דוד. דא אין פסוק שטייט "דדו" נאר מיט איין ו', אותיות "דוד".

דאס זאגט דער פסוק **"או דודו"** אדער דוד המלך, או **"בן דודו"** דער זון פון דוד המלך, "יגאלנו" וועט אויסלייזן אידישע קינדער פון גלות.

## בפרדס הפרשה

### וספרתם לכם ממחרת השבת

(המשך ענייני ספה"ע מגליון העבר)

נאכן ציילן ספירה זאגט מען א תפלה פון **"הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה"**. וויבאלד מען האט געציילט ספירת העומר, א מצוה וואס איז אנגעגאנגען בזמן שבית המקדש היה קיים, און די גאנצע מצוה פון ספירה בזמה"ז איז א מחלוקה, דער **רמב"ם** האלט אז עס איז מה"ת און **תוס'** און **רא"ש** האלטן אז עס איז א דרבנן, דעריבער בעט מען ביים אייבערשטן אז ער זאל שוין ווי פריער צוריק קערן די הייליגע עבודה פון ביהמ"ק, און מיר זאלן קענען מקיים זיין די מצוה בפועל מן התורה.

איידער מען ציילט ספירה זאגט מען לשם יחוד, ווען צווישן זאגט מען די ווערטער "**כמו שכתוב בתורה וספרתם לכם ממחרת השבת וגו' תספרו חמשים יום והקרבתם מנחה חדשה לה'**", לכאורה פארוואס זאגט מען די ווערטער והקרבתם **מנחה חדשה**, ווען מען האלט נישט ביים יו"ט שבועות ווען מ'איז מקריב דעם קרבן העומר?

עס ווערט געברענגט א תירוץ בשם ספר **עיון תפלה** וויבאלד די הלכה איז אז כל פסוקי דלא פסקי משה לא פסקינן, דעריבער דארפן מיר זאגן דעם גאנצן פסוק בשלימות, אפילו די ווערטער פון והקרבתם מנחה חדשה לה' איז נישט נוהג בזמן הזה.

נאר אויב אזוי ווערט שווער א קשיא, ווייל ביים נוסח פון רבונו של עולם וואס מען זאגט נאך ספירה זאגט מען דאך אויך די ווערטער כמו שכתוב בתורה וספרתם וגו' און מען ענדיגט נישט דעם גאנצן פסוק נאר ביז חמשים יום, ומאי שנא האי מהאי.

איז דא א תירוץ וויבאלד די יהי רצון איז א נוסח פון א תפלה, און ביי א תפלה איז נישטא דער כלל פון כל פסוקי וכו'.

דער **ליקוטי מהרי"ח** זאגט א שיינעם תירוץ, אז די תפלה פון רבונו של עולם האט מתקן געווען דער **אריה"ק** און ווי מיר זעהן ביי פארשידענע תפילות פונעם אריז"ל אז ער האט יא צוטירט האלבע פסוקים אין זיינע תפילות.

דער **מגן אברהם** ברענגט אז מען זאל זאגן די קאפיטל תהלים פון **אלקים יחננו ויברכנו**. דאס קאפיטל האט 49 ווערטער קעגן די מ"ט ימי הספירה, ז' פסוקים קעגן די שבע שבועות, און דער פסוק **ישמחו וירננו** האט מ"ט אותיות יעדן טאג איז מכוון קעגן א צווייטע אות.

אזוי אויך זאגט מען די תפלה פון **אנא בכח** וואס יעדע ווארט איז מכוון קעגן א טאג פון די ימי הספירה. אין די זיבעטע טאג דארף מען אינזינען האבן די ר"ת פון די גאנצע פסוק.

עס שטייט אין ספר **תורת חיים** פון **הרה"ק ר' חיים קאסוב'ער** זי"ע אויפן נוסח וואס מ'זאגט אין די תפלה נאך ספירה **אתה צויתנו לספור ספירת העומר כדי לטהרינו מטומאותינו**, וואו שטייט דאס אין די תורה? זאגט דער **תורת חיים** אז אין די תורה שטייט דער לשון **וספרתם לכם**, וואס די ווארט איז לכאורה איבריג? נאר לכם איז ראשי תיבות **כ'די ל'טהרינו מ'טומאותינו**.

## מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שלישי

**כי סליק רבי זירא:**

מיר לערנען די וואך אין די גמרא (דף ס' ע"ב) **אן הלכה וואס איז געזאגט געווארן, ווען רבי זירא איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, וועלן מיר דא בע"ה לערנען א אינטערעסאנטער שמועס, וואס עס איז געווען ווען רבי זירא איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל.**

די גמרא אין מס' כתובות (דף קי' ע"ב) **דערציילט אז ווען ר' זירא האט געוואלט ארויפגיין קיין ארץ ישראל האט ער זיך אויסבאהאלטן פון רב יהודה, ווייל רב יהודה האט געהאלטן אז ווער עס גייט ארויף קיין א"י נאכן חורבן ביהמ"ק איז עובר אויף א עשה, ווי עס שטייט אין פסוק** (ירמי' כ"ז, כ"ב) **בבלה יובאו ושמה יהיו עד יום פקדי אותם. ר' זירא האט אבער געהאלטן אז דער פסוק רעדט נישט פון די אידן, נאר פון די כלים פון ביהמ"ק וואס דארפן בלייבן אין בבל ביז השי"ת וועט הייסן.**

**זאגט די גמ' וואס ענטפערט ר"י אויף דעם, ר"י לערנט ארויס פון א פסוק** (שה"ש ב' ז') **השבעתי אתכם בנות ירושלים בצבאות או באילות השדה וגו' אז אידישע קינדער זענען באשווארירן געווארן נישט ארויפצוגיין קיין אר"י פאר די צייט, רבי זירא האלט אבער אז דער פסוק קומט נאר זאגן "שלא יעלו בחומה" אז אסאך מענטשן אינאיינעם זאלן נישט ארויפגיין, אבער א יחיד מעג יא, ר"י האלט אז עס איז דא 2 פסוקים פון "השבעתי" וואס קומט זאגן סיי פאר א יחיד סיי פאר רבים.**

**רבי זירא זאגט אבער אז עס שטייט מערערע פסוקים, צוליב דעם וואס עס איז דא דריי באזונדערע שבועות וואס דער אייבערשטער האט באשווארירן אידישע קינדער א) שלא יעלו בחומה ב) שלא ימרדו באומות ג) שלא ידחקו את הקץ רב יהודה האלט אבער אז עס שטייט א טאפלטער לשון אם תעירו ואם תעוררו וואס פון דעם לערנט ער ארויס די ג' שבועות, און די גמ' איז דארט מאריך מיט די אנדערע דריי שבועות ווי אזוי מען דרש'ענט עס. וואס דאס אלעס האט השי"ת באשווארירן מיט זייער א שארפע אזהרה בצבאות או באילות השדה, אויב וועלן אידן האלטן די שבועה איז גוט און אויב נישט אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה ר"ל.**

**אין ספה"ק ויואל משה** (מאמר א' סי' א' והלאה) **ברענגט דער רבי אראפ די גמרא און ער איז מברר אז די הלכה בלייבט ווי ר' זירא, אז אויף א יחיד איז נישטא קיין איסור אז ער זאל ארויפגיין קיין ארץ ישראל.**

**די גמרא דערציילט** (כתובות קי' ע"ב) **ר' זירא האט געהאט גרויס חשק צו פארן קיין א"י, אזוי ווייט אז ווען ער האט געוואלט פארן האט ער נישט געטראפן קיין שיפל צו פארן, איז ער אריבערגעגאנגען א טייך מיט א שטיקל האלץ אנגעכאפט מיט א שטריק, איז דארט געשטאנען א צדוקי, און האט געשפעט "וואס זענט איר אזא איילענדיגע פאלק, איר האט געזאגט נעשה פאר נשמע, איר קענט נישט ווארטן ביז ס'וועט קומען א שיף?" האט ער אים געענטפערט "דוכתא דמשה ואהרן לא זכו לה אנא מי יימר דזכינא לה" אויב משה ואהרן האבן נישט זוכה געווען אנצוקומען קיין א"י ווער ווייסט צי איך וועל האבן די זכי', דעריבער אייל איך זיך אזוי שטארק.**

**טראצדעם וואס רבי זירא האט געהאט אזא געוואלדיגע תשוקה צו גיין קיין ארץ ישראל ברענגט דער רבי** (מאמר ב' סי' ק"כ) **וואס די גמרא דערציילט אין מס' ברכות אז ר' זירא האט געזאגט אז ער איז נישט ארויפגעפארן פון בבל קיין ארץ ישראל ביז ווען ער האט געזעהן גערשטן אין חלום, ווי די גמרא זאגט דארט אז ווער עס זעהט גערשטן אין חלום איז עס א סימן אז אלע זיינע זינד זענען אפגעטון געווארן פון אים.**

**זעהן מיר פון דעם אז אפילו די גרעסטע צדיקים, וואס האבן געהאט א מורא'דיגע תשוקה ארויפצוגיין קיין אר"י, האבן זיך נישט געטרויעט צו גיין, ביז ווען זיי האבן געזעהן אז מ'איז מסכים פון הימל אז זיי זאלן גיין.**

**איז אוודאי אז פשוט'ע מענטשן וואס זענען נישט ריין פון זינד איז דאס זייער א גרויסע אחריות און א שאלה צי מען מעג ארויפגיין קיין ארץ ישראל.**

(מלוקט מספה"ק ויואל משה ריש מאמר א', ומאמר ישוב אר"י)